צווישן עמיגראַנטן

אומקערנדיק זיך אַהיים פֿון בערלינער גאַסן אין אַ היציקן יולי־טאָג, האָב איך געטראָפֿן מײַנע אייגענע זייער אויפֿגערעגט און אָנגעשטרענגט. געזיכטער האָבן אויסגעזען בלאַסלעך, שטאַרק אָנגעשראָקן.

מען האָט מיר באַלד איבערגעגעבן.

אין שרײַבצימער וואַרט אויף מיר שוין אַ שעה דרײַ, עפּעס איינער אַן אומבאַקאַנטער, אַ יונגער־מאַן... אַ ייִד.

— ער איז עפּעס...

— זייער אַן אומגעדולדיקער...

דעם יונגן־מאַן האָט מען געזאָגט: איך וועל קומען ניט פֿריִער ווי פֿאַר נאַכט, נאָר ער האָט ניט געענטפֿערט. ער איז אַרײַנגעגאַנגען גלײַך אין שרײַבצימער און האָט זיך דאָרט אַוועקגעזעצט. מען האָט אים געגעבן אָנצוהערן: עס איז גלײַכער ער זאָל אַרײַנקומען שפּעטער. ער האָט פֿון אָנהייב ווי ניט אײַנגעהערט, נאָך דעם האָט ער אויסגעזען צעטראָגן. ער האָט קאַלט געענטפֿערט:

— ניין, בעסער מען זאָל מיך ניט זען פֿיל מאָל אַרײַנגיין צו אײַך און אַרויסגיין פֿון אײַך... איר קענט נאָך דעם האָבן אַן עסק מיט פּאָליציי.

איך בין אַרײַן אין שרײַבצימער אַ קוק געבן אויפֿן יונגן־מאַן. נאָר אויך מיר איז ער געווען אומבאַקאַנט.

ער האָט אויסגעזען ווי פֿון אַ יאָר זעקס־זיבן און צוואַנציק. ער איז געזעסן אײַנגעהויקערט אין אַ ווינקל, אין דער סאַמע פֿאַררוקטער ווייכער שטול, און האָט ווי געדרימלט.

זײַנע אויגן האָבן זיך געשמאָלט, זײַנע פּלייצעס האָבן זיך געהויקערט. זײַן גאַנצע פֿיגור האָט דערמאָנט אין גרויצן שטויב וואָס אויף ווײַטע קלײַנשטעטלדיקע וועגן, און אַליין האָט ער געמאַכט דעם אײַנדרוק פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט אַן אָטעם דורכגעמאַכט זייער אַ לאַנגע שטרעקע.

איך האָב אים געפֿרעגט, צי ער דאַרף ווירקלעך צו מיר. ער האָט נאָר ווי אויף האַלב אויפֿגעוואַכט און האָט געענטפֿערט ווי מיט אַ בייזער:

— פֿאַרשטייט מען, אַז ניט וואָלט איך צו אײַך ניט געקומען. איך בעט

אײַך נאָר, זאָגט קיינעם גאָרנישט. איך דאַרף דאָ אין שטאָט אָפּטאָן איינע אַ זאַך... איך בין... נו, ווי זאָל איך עס אײַך אָנרופֿן? — איך בין אַ ייִדישער טעראָריסט.

איך האָב ניט פֿאַרשטאַנען.

— איר קערט צו אַ פּאַרטיי? — האָב איך געפֿרעגט.

— ניין, — האָט ער זיך אַ קרים געגעבן — איך האָב פֿײַנט פּאַרטייען.

פֿאַר מיר איז געווען קלאָר: איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס איז צו מיר געקומען דורך פֿאַרפּלאָנטערטע און קרומע וועגן. וואָס האָט אים געקענט צו מיר ברענגען? איך האָב אים געלאָזט אויף אַ ווײַלע אַליין. נאָר זיצנדיק אין עסצימער בײַם טיש, האָב איך אויף קיין רגע ניט פֿאַרגעסן סײַ זײַן פֿיגור, סײַ זײַן געזיכט. ניט ווילנדיק האָב איך געטראַכט וועגן אים מיט די ווערטער, מיט וועלכע מען האָט מיך באַגעגנט בײַ מײַן אַרײַנקומען אין שטוב.

— ער איז עפּעס...

— אַן אומגעדולדיקער...

פֿאַראַן מענטשן, וואָס זעען אויס שטויביק, כאָטש מען געפֿינט ניט אויף זיי קיין איין שטויבעלע — דער יונגער־מאַן איז געווען איינער פֿון זיי. ער האָט געהאַט ברייטע ביינער אונטער די אויגן, די ביינער זײַנען געווען ניט קיין גלײַכע, און זײַנע באַקן האָבן דעריבער אויסגעזען פֿאַרשידן. די רעכטע באַק איז געווען אַ גלײַכע, ווי בײַ אַלע מענטשן — אַ באַק, וואָס וויל הנאה האָבן פֿון דער וועלט; זי גיט צו וויסן:

— איך וויל זײַן צווישן מענטשן.

און זײַן לינקע באַק איז געווען אַ קרומע; זי איז געווען ווי זײַנע און ניט זײַנע. זי האָט אויסגעזען, ווי אַ באַק, וואָס איז צעקריגט מיט דער וועלט — דאָס לעבן האָט געוואָרפֿן אויף איר אַן אומחן, האָט זי דעריבער געוואָרפֿן אַן אומחן אויפֿן לעבן. אַ דאַנק דער לינקער באַק האָט דער יונגער־מאַן אויסגעזען העסלעך, נאָר ווי מיר האָט זיך געדאַכט, איז ער געווען דווקא אויף דער זײַט פֿון דער לינקער באַק. דערמאָנט אָן אַ מוטער, בײַ וועלכער איין קינד איז אַ געראָטנס, דאָס צווייטע אַ פֿאַרזעעניש — פֿון יושר איז ער געווען אויף דער זײַט פֿון דער לינקער מיאוסער באַק, געטראָגן אין זיך איר בייזקייט. צוליב דער דאָזיקער מיאוסער באַק טראָגט ער וואָנצעס — ער וויל, זיי זאָלן כאָטש אַ קאַפּעלע פֿאַרדעקן איר קרומקייט. איך האָב די וואָנצעס גלײַך דערזען און מיר האָט זיך געדאַכט: די רעכטע באַק איז מיט זיי ניט צופֿרידן, ווײַל זיי האָבן עפּעס אַן אומגעווײנלעכע ברודיק־מעשענע פֿאַרב, זיי וואַרפֿן זיך אין די אויגן און זאָגן אָן:

— טשעפּעט מיך ניט. איך בין אַ בייזער. בעסער גייט אײַך איר מיט אײַער וועג, און איך וועל מיר גיין מיט מײַנעם.

דאָס אַלץ איז אין זײַן געזיכט געווען ביז גאָר שאַרף. זיצנדיק אין צווייטן צימער, האָב איך זיך געפֿילט אומהיימלעך. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט: ער קוקט אויף מיר דורך דער גראָבער וואַנט.

אַז איך בין ווידער אַרײַנגעקומען צו אים, איז ער נאָך אַלץ געזעסן ווי פֿריִער קאַלטבלוטיק אויף זײַן פּלאַץ. אין זײַנע אויגן האָבן געברענט צוויי העלע פֿונקען — פֿריִע, ווי די ליכטלעך פֿון אַ פּרי אָנגעצונדענעם יאָרצײַט. נאָר אפֿשר האָט זיך בײַ זון־אונטערגאַנג נאָר אַזוי אויסגעוויזן. פֿון דרויסן, פֿון קעגן איבער די לאַנגע פֿאָרהאַנגען, האָט זיך געפֿילט:

די ריזיקע געקעסטלטע גאַסן הייבן אָן אויפֿלעבן, ווימלען און אָפּגעבן פֿון זיך די גרויסע טרוקענע היץ, וואָס זיי האָבן אין זיך אַרײַנגעאָטעמט אין משך פֿון לאַנגן טאָג — אַ טאָג ווי אַ יאָר, אַ טאָג, ווי אַ לאַנגער, לאַנגער וועג. אויף אַזאַ מין טאָג, אַז מען קוקט זיך אום צוריק, דאַכט זיך: מען איז דורכגעגאַנגען אַן אומגעווײנלעך גרויסע שטרעקע. אַזאַ מין טאָג טרײַבט אַרויס אַלע איינזאַמע „טשודאַקעס“ אין גאַס אַרויס, און זיי בלאָנדזשען אַרום, ווי שטומע נאָגנדיקע גײַסטער.

אין אַזאַ טאָג האָט זיך צו מיר איין מאָל אויף אַ באַנק אין שטאָטפּאַרק צוגעזעצט אַן איינזאַמער פּאַרשוין און האָט צו מיר פּלוצעם אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, וואָס אין ערגעץ איז אַ מענטש ניט אַזוי איינזאַם, ווי צווישן מענטשן, און וועגן דעם, וואָס אין ערגעץ איז מען ניט אַזוי „ניט צווישן מענטשן“, ווי אין דער גרויסער שטאָט. ניט ווילנדיק האָב איך זיך אָן דעם דערמאָנט, קוקנדיק אויף מײַן גאַסט. איך האָב בײַ אים געפֿרעגט:

— איר זײַט אַן עמיגראַנט?

— אַן עמיגראַנט.

— פֿון וואַנען?

ער האָט מיר אָנגערופֿן אַ גרעסערע שטאָט אין די זאַמדיקע טײלן פֿון וואָלין. ער האָט זיך אומגעקוקט, צי די טיר הינטער אונדזערע פּלייצעס איז גוט צוגעמאַכט, און האָט מיר באַוויזן אייניקע פּאַפּירן, וואָס דערווײַזן, אַז ער איז ווירקלעך פֿון יענער שטאָט און אַז ער איז איין צײַט געווען צווישן די חלוצים אין פּאַלעסטינע. דערנאָך האָט ער מיר אָנגערופֿן איינעם אַ באַוווסטן פּאָגראָמשטשיק פֿון אוקראַיִנע. ער האָט געפֿרעגט בײַ מיר, צי איך האָב פֿון זײַנע שרעקלעכע רציחות געהערט. ער האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן זייער שטײַף מיט די אויפֿגעפֿלאַקערטע פֿײַערלעך, וואָס אין זײַנע אויגן, און איך האָב געפֿילט, אַז דאָס סאַמע שווערע און שרעקלעכע, וואָס ער האָט מיר צו זאָגן, הייבט זיך אָקאָרשט

אָן; ביז אַהער איז ער געווען העפֿלעך — ער האָט גערעדט אין נאָמען פֿון זײַן רעכטער באַק — איצט וועט ער אָנהייבן רעדן אין נאָמען פֿון זײַן לינקער באַק, דער קרומער...

מיר זײַנען ביידע געזעסן איינער אַקעגן אַנדערן אין אַ פֿאַררוקטן ווינקל פֿון צימער. ער האָט אָנגערופֿן דעם באַוווסטן שרעקלעכן פּאָגראָמשטשיק בײַם נאָמען און האָט אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

— הערט זיך אײַן... ער געפֿינט זיך איצט הי... אין בערלין.

ער האָט שטײַפֿער אויף מיר אַ קוק געגעבן און האָט אָנגעהויבן אויס־צולייגן:

*

— הערט זיך אײַן: שוין באַלד אַ וואָכן דרײַ זינט איך וווין „מיט אים“ דאָ אין שטאָט אין אַ ביליקן פּאַנסיאָן. איך — אין צימער נומער 3, „ער“ — אין צימער נומער 5 — אַ טיר אַקעגן אַ טיר. איך בין דאָ אַ פֿרעמדער. קיינער קען מיך ניט. „ער“ — אויך ניט. איך „אים“ אָבער קען גוט.

עס טרעפֿט:

מיר באַגעגענען זיך אין צווייען אין קאָרידאָר. בײַם אַרײַנגאַנג ליגט אַ רויטע אָפּגעריבענע סטעזשקע — ביידע רײַבן מיר אין איר אָפּ דעם שטויב פֿון אונדזערע שיך. איר פֿאַרשטייט — אין איינער און דער זעלבער סטעזשקע... עס מאַכט זיך: פֿאַרבײַגייענדיק טוט ער אויף מיר אַ קוק. איך כאַפּ זיך דאַן אַרײַן צו מיר אין צימער און פֿיל נאָך זײַן בליק אָט־אָ דאָ־אָ... (דער יונגער־מאַן האָט זיך זייער שנעל אַ פּאַטש געגעבן מיט דער האַנט איבער ביידע באַקן). מײַנע אויגן כאַפּן געשווינד אַ קוק אין שפּיגל. איך וויל וויסן, וואָס האָט ער אויף מיר געזען? — אַן אָפּגעלאָזענעם ייִדישן בחור. עס קאָן אַריבערגיין עטלעכע טעג איך זאָל זיך ניט אָפּגאָלן. איך קוק מיט רויטע ניט אויסגעשלאָפֿענע אויגן. אָפּט מאָל בין איך בלאַסלעך, ווי אַ מענטש, וואָס פֿאַסט כסדר אַ מעת־לעת נאָך אַ מעת־לעת. דאָס איז אַלץ, אַ?... וואָס נאָך אַ שטייגער קאָן ער אויף מיר זען?

— איך אָבער קען „אים“ נאָך פֿון דער היים, פֿון קינדווײַז אָן; פֿון יעדער ייִדישער צרה, פֿון אַ סך צרות. ער האָט אָנגערייצט די באַפֿעלקערונג פֿון גאַנצע פֿיר גובערניעס; איר מיינט, ווי פּורישקעוויטש, ווי קרושעוואַן? — פֿיל ערגער. ער האָט אַליין אָנגעפֿירט מיט פּאָגראָמען — מיט די לעצטע, מיט די סאַמע שרעקלעכע. ער איז אַלע מאָל פֿאַרשוווּנדן און איז ווידער אויפֿגעשווומען, זיך ווידער באַוויזן אין שפּיץ פֿון אַ נײַער ייִדישער שחיטה. ער האָט געטראָגן אַ באָרד, גערעדט מיט אַ פּשוטער שפּראַך, די פּויערים זאָלן אים פֿאַררעכנען פֿאַר

זייערן אַ מענטשן און זאָלן אים גלייבן. נאָר דאָ, אין אויסלאַנד, האָט ער זײַן באָרד אָפּגעגאָלט, זיך אויסגעפּוצט. דאָ איז ער געוואָרן ווידער אַ פּריץ. ער איז געזונט, וווקסיק, זײַן פּנים איז רויט, אָנגעגאָסן. זײַנע וואָנצעס זײַנען פֿריילעך פֿאַרדרייט. זײַנע אויגן קוקן בייז און מיט אַ גיפֿטיקן שמייכל. דאָס איז דער גיפֿטיקער שמייכל פֿון זײַן רציחה.

— אַקעגן אים בין איך בלאַס און אײַנגעבויגן. איר זעט? ניט אַזוי קליין, ווי אײַנגעבויגן. מײַן פּנים איז פֿון קינדווײַז אָן צוזאַמענגעפּלעטשט, קרום, ווי איבערגעפֿאָרן. איך טראָג וואָנצעס, אָט... איך בין ניט קיין שיינער, איבערהויפּט אין פּראָפֿיל. איך בין פֿון אַזאַ משפּחה... איר מיינט, איך ווייס עס ניט? צווישן אַלע יונגע־לײַט, וואָס איך קען, בין איך דער מיאוסטער. דער מיאוסטער בין איך געווען בײַ מיר אין דער היים, אין מײַן געבורטשטאָט. טאַקע דערפֿאַר האָב איך דאָרט פֿון קינדווײַז אָן געלעבט באַזונדער פֿון אַלע קינדער, איינער אַליין, ווי אַ יתום. שטעלט אײַך פֿאָר: איך אין יענער צײַט אין די זומערדיקע פֿאַרנאַכטן: אַ צוועלפֿיאָריקער גימנאַזיסטל „מיט מעשענע קנעפּלעך“; אַ גימנאַזיסטל, וואָס לויפֿט נאָך זײַן פֿרומען זיידן אין קלויז אַרײַן דאַווענען מנחה און מעריבֿ, ווי אַ הינטל, וואָס געפֿינט שוץ לעבן זיידן. און ניט דערפֿאַר, וואָס אַנדערע בײַסן עס; נאָר ווײַל אַנדערע גימנאַזיסטלעך באַמערקן מיך ניט. איך מעג שטיין צווישן זיי, איז סײַ ווי סײַ, ווי גלײַך קיינער שטייט ניט צווישן זיי. דאַווענען גייט מען דורך דעם „פּראָספּעקט“ — דאָס איז די הויפּטגאַס. גימנאַזיסטלעך, ווייסט איר, האָבן ליב אין זומערדיקע פֿאַרנאַכטן אַרומגיין אויסגעפּוצט צו פֿינף־זעקס אין אַ ריי. דער גימנאַזיסטל וואָס לויפֿט נאָך דעם זיידן, שטעלט זיך אָפּ. ער קוקט אויף די שפּאַצירנדיקע, יענע באַמערקן אים ניט. דער גימנאַזיסטל דערשרעקט זיך און יאָגט שנעל, שנעל נאָכן זיידן... און אַ יתום בין איך ווירקלעך — פֿון אַכט יאָר אָן. בײַם זיידן שטאַרבן יונג די קינדער... ער איז אַ קליינער, אַ גרויער, מיט אַ פֿאַרוואַקסן פּנים. אַ וואַקסן געזיכט, מיט האָר אין דער נאָז און אין די אויערן, מיט טשמאָקענדיקע ליפּן און מיט קאַלטע שוואַרצע אייגעלעך, וואָס וואַרפֿן זיך אין ביידע זײַטן געשווינד, ווי בײַ אַ מאַלפּע. בלויז אין די אויגן וואַקסט בײַ אים קיין האָר ניט. אַז ער רעדט, פֿאַרשטייען נאָר געציילטע מענטשן, וואָס ער זאָגט. און צו אים אין הויז קומט מען דאָך זעלטן, אָבער מען קומט — מען צאָלט אים געלט אין „עיסקא“. זײַן הויז איז גרויס און אָן מענטשן... עס געפֿינט זיך אויך אויפֿן „פּראָספּעקט“, אין סאַמע עק דאָרטן. אין גרויסן הויז וווינען ניט מער, ווי דער זיידע, איך, און אַן אַלטע דינסט פֿון אַ מאָל נאָך. און אַ מאָדנע טבֿע האָט דער זיידע: אַלע מאָל, ווען עס שטאַרבט בײַ אים אַ קינד, קויפֿט ער נאָך איינעם אַ נײַעם זייגער און שטעלט אים אַוועק אָדער ער הענגט אים אויף

אין איינעם פֿון די צימערן. אַז איך ווער אַלט אַ יאָר פֿערצן, פֿופֿצן, קלאַפּן שוין די זייגערס אומעטום: אין יעדן צימער אַ זייגער — בײַם זיידן זײַנען שוין געשטאַרבן אַלע קינדער. מיטן טאָג, אַז דער זיידע שטייט אויף, נעמט ער זיך צו ערשט אָנציִען די זייגערס, ווי אַ מאַמע, וואָס נעמט זיך צו ערשט געבן עסן אירע קינדער. ער ברומט צו, ער האָט ניט קיין קול. אַז ער זינגט, איז ווי אַ קאַץ אונטערן טיש כריפּעט. אַלע אין אונדזער משפּחה זײַנען אַזעלכע. איך אויך — איך האָב ניט קיין קול. דעם זיידנס פֿאַרוואַקסן פּנים איז שוין אויך ווי אַ זייגער — די נאָז איז דער ווײַזער, די אויגן — צוויי ציפֿער. די זייגערס קלאַפּן, דער זיידע ברומט.

— און פּונקט אַקעגן, אויך אויפֿן „פּראָספּעקט“, אויך אין עק דאָרטן, וווינען די פּינסקיס, אַ גרויסע משפּחה, אַ פֿריילעכע. כמעט אַלע וואָך גליקט זיי עפּעס אָפּ איבער אַ נײַס. זיי פּראַווען סעודות. פּונקט אַקעגן אונדזערע שטענדיק פֿאַרמאַכטע פֿענצטער וווינט פּינסקיס ייִנגערער זון — זרח. דאָרט זײַנען די פֿענצטער שטענדיק אָפֿן, שטענדיק פֿריילעך, די באַלקאָנען אויך. זרח האָט געהאַט לויטער מיידלעך, לויטער יונגע, לויטער גימנאַזיסטקעס אין טונקל־ברוינע קליידער מיט ווײַסע געפּרעסטע קעלנערלעך, לויטער שיינע, שוואַרץ־חנעוודיקע. מיט אַ ריח פֿון פֿאַלמיר־זייף, איבערהויפּט די ייִנגסטע — מיט אַ חנדעלע אָט דאָ צווישן די צוויי פֿאָרנטיקע ציין. איר ווייסט?... ווי עס מאַכט זיך אַ מאָל. און דווקא פֿון אָט דעם חנדעלע, פֿון צווישן די צוויי פֿאָרנטיקע ציין, הייבט זיך אָן די גאַנצע שיינקייט אין פּנים, אין קערפּער און אין אירע באַוועגונגען, ווען זי פֿאָרט אויף אַ וועלאָסיפּעד, ווי אַלע אירע שוועסטערס. דאָרט שפּילט מען קלאַוויר. נאָך איצט, אַז איך דערהער פֿון ערגעץ שפּילן, דערמאָן איך זיך: אַ־אַ! — עס איז פֿון די „פּינסקיס“. דאָרט פּראַוועט מען געבורטטאָג, גימנאַזיסטן קומען — מען זעט דאָס פֿון באַלקאָן דורכן זיידנס פֿענצטער.

— בײַ אונדז קלאַפּן די זייגערס. דער זיידע ערגעץ אין אַ צימער ברומט איבער אַ ספֿר, כריפּעט, ווי אַן אַלטע קאַץ. און איך דריי זיך אַרום צווישן אָט די זייגערס. יעדער זייגער — אַ קבֿר, אַ יאָרצײַט. איך בין אַ גימנאַזיסט, וואָס לערנט פֿלײַסיק, גאַנצע לאַנגע טעג, גאַנצע זומערס. און ווי מיינט איר? וועגן וואָס טראַכט איך דעמאָלט? — וועגן אָפּטאָן אַ צולהכעיס טראַכט איך... איר פֿאַרשטייט? וועגן אָפּטאָן עפּעס אַ זאַך. וואָס קיינער דאָרט אַקעגן אויפֿן פֿריילעכן באַלקאָן וועט ניט אָפּטאָן. און צו להכעיס קען מען אָפּטאָן אַ מיאוסע זאַך. פֿון צו להכעיס קען מען אָפּטאָן אַ שיינע זאַך — אַלץ איינס, אַבי פֿון צו להכעיס.

— דענסטמאָל האָט מיך פֿאַרכאַפּט די מלחמה. נאָר איך האָב זיך ניס געבריהט, ווי אַנדערע, איר פֿאַרשטייט? — ווי אויף צו להכעיס. נאָר אָקאָרשט

נאָך דעם, אַז די מלחמה איז ווי פֿון זיך געוואָרן אויס, איז אויך געוואָרן אויס מיט מײַן צולהכעיס. מיר איז געווען אַ ווייטיק:

וווּ איז דער צולהכעיס?

טאַקע דערפֿאַר בין איך באַלד נאָך דעם דער ערשטער פֿון מײַן פּאַגראָמירטער שטאָט אַוועק ווי אַ פּשוטער אַרבעטער קיין פּאַלעסטינע — ווי אויף צו להכעיס. נאָר שפּעטער, אַז פֿון מײַן שטאָט האָבן אָנגעהויבן קומען קיין פּאַלעסטינע פֿיל באַלעבאַטישע קינדער, און צווישן זיי אויך אייניקע פֿון די יונגע פּינסקיס, בין איך פֿון דאָרט אַוועק אַהער אין אויסלאַנד, אין אָט דער שטאָט. דאָ האָב איך אין איינער און דער זעלבער צײַט אָנגעהויבן הונגערן און שרײַבן. איך האָב געטראַכט: פֿון אַזעלכע ווי איך קומען אַרויס יענע מענטשן, וואָס האָבן חשק אונטערצורײַסן די וועלט מיט דינאַמיט. איך וועל עס ניט דערלאָזן. פֿאַרקערט: איך וועל זיך ברעכן אין דער אַנדערער זײַט אַרײַן.

— איך האָב פֿאַרטראַכט אַ דערציילונג ניט וועגן מיר, נאָר וועגן אַן אַנדערן. די דערציילונג הייבט זיך גאָר אָן מיט דער באַשרײַבונג פֿון איינעם אַ יידישן קבצן בײַ אונדז אין שטאָט. אַלע דאָנערשטיק גייט דער קבצן אַוועק נאָך נדבֿות צו די רײַכע יידן, וואָס וווינען אין גויִשן קוואַרטאַל. דעם קבצן האָבן אין יענעם קוואַרטאַל שטאַרק פֿײַנט די קריסטלעכע קינדער. זיי קענען אים ניט פֿאַרטראָגן. אַז זיי דערזעען אים, באַוואַרפֿן זיי אים מיט שטיינער, רייצן אויף אים אָן די הינט. איבער דעם גאַנצן גויִשן קוואַרטאַל הייבן זיך אויף גרויסע געשרייען, די לופֿט איז פֿול מיט קוויטשערײַען, אַ געלויף פֿון שקצימלעך, אַ בילערײַ פֿון הינט. פֿאַר הינט האָט דער קבצן שרעקלעך מורא. עס קלאַפּט אים אַ צאָן אין אַ צאָן, נאָר ער איז דאָך צופֿרידן, ווײַל די גוואַלדן מיטן בילן פֿון די הינט גיט אַלעמען צו וויסן, אַז ער איז געקומען אין גויִשן קוואַרטאַל, און פֿון אַלע יידישע הײַזער טראָגט מען אים אַרויס די נדבֿות אין דרויסן; ער פֿאַרשפּאָרט צו קלאַפּן אין יעדער יידישער טיר באַזונדער און צו פֿאַרלירן צײַט. דער קבצן, אַז ער קומט אין גויִשן קוואַרטאַל, בלײַבט ער דעריבער שטיין אין מיטן גאַס און הייבט אָן צו הוסטן, כּדי די שקצימלעך זאָלן אים דערזען און אָנרייצן אויף אים די הינט...

— דאָס אַלץ האָב איך אָנגעשריבן אין איין אָטעם. דאָס זײַנען די ערשטע קאַפּיטלען און אָקאָרשט נאָך דעם האָב איך דערפֿילט, אַז דער קבצן — דאָס בין איך אַליין, איר פֿאַרשטייט? ווידער אַ מאָל איך... דער גויִשער קוואַרטאַל — דאָס איז אין פֿאַרשטעלטן זין מײַן שטאָט, מײַן לעבן, נאָר אויף מיר רייצט מען שוין אַפֿילו ניט אָן די הינט. זיי בילן גאָר אויף מיר ניט, און איך פֿיל דאָך, ווי זיי בילן. מײַן הוסטן — דאָס איז מײַן דינען, ווי אַ סאָלדאַט, מײַן אַוועקגיין אויף דער

מלחמה, מײַן אַוועקפֿאָרן ווי אַ פּשוטער אַרבעטער קיין פּאַלעסטינע... דער צו להכעיס, וואָס איך וויל פֿון קליינערהייט אָפּטאָן — דאָס איז מײַן סאָרט נדבֿה־בעטלען... אָבער אַז אין תּוך וויל איך גאָר אַליין געבן... איר פֿאַרשטייט? כאָטש איין מאָל אין לעבן זײַן אַ גבֿיר, אַ שמײַס געבן אָט אַזוי מיט אַ ברייטער האַנט — נאָט אײַך און ווייסט... און אָט אין יענער צײַט, ווען איך האָב אַזוי געטראַכט (איך בין ניט געשלאָפֿן אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט), האָב איך אין איינעם אַ פֿרימאָרגן דערהערט אַ קליינעם גערויש אין קאָרידאָר פֿון מײַן פּאַנסיאָן — דער גערויש איז אויסגעמישט מיט אַ שאַרפֿן אוקראַיִניש. איך האָב אין קאָרידאָר דערזען פֿריִער אַ דינסט פֿון פּאַנסיאָן, ווי זי טראָגט צוויי שווערע טשעמאָדאַנעס, און נאָך דעם האָב איך דערזען „אים“ אַליין מיט די פֿריילעך פֿאַרדרייטע וואָנצעס. אים איז מיט דרך־ארץ נאָכגעגאַנגען נאָך איינער אַ יינגערער.

— אַ יאַק? — האָט ער געפֿרעגט בײַ אָט דעם יינגערן און האָט געגעבן אַ שמעק די לופֿט מיט דער נאָז, — אַ טוט טאָוואָ... זשידיוו־טאָ נימאָ?

איך בין געשטאַנען לעבן מײַן טיר. איך האָב געקוקט, ווי מען פֿירט אים פּונקט אַקעגן אין צימער נומער 5. איך בין געווען ווי פֿאַרטשאַדעט. אין טשאַד איז צו מיר פּלוצעם געקומען אַזאַ לײַכט געפֿיל, גלײַך איך בין מער ניט איינזאַם. צו מיר איז צוגעקומען עפּעס אַ שטיק. מיר איז געוואָרן ווי פֿיל גרינגער, כאָטש אין וואָס באַשטייט די דאָזיקע גרינגשאַפֿט האָב איך נאָך אַלץ ניט געוווּסט. ערשט שפּעטער האָב איך געפֿרעגט:

אין וואָס איז דאָ די שׂימחה?... האַ?

*

אין טיר פֿון שרײַבצימער האָט מען אָנגעקלאַפּט. מיך האָט מען גערופֿן אין עסצימער אַרײַן. און נאָך דעם איז אין שרײַבצימער געווען טונקל, ווי אין אָנהייב אָוונט. דער יונגער־מאַן האָט געבעטן אַ ביסל וואַסער. ער האָט געהאַלטן די גלאָז בײַם סאַמע ברעג. זײַן האַנט האָט אונטערגעציטערט, ער האָט געקוקט זייער פֿאַרטראַכט אַראָפּ צו זײַנע פֿיס, ווי גלײַך ער וואָלט זוכן, צי האָט ער דאָרט ניט פֿאַרלוירן עפּעס פֿון דעם, וואָס ער האָט מיר צו דערציילן. ער האָט געזאָגט:

— אַקעגן וואָס זשע איך האָב עס אײַך אָנגעהויבן צו דערציילן? כּדי איר זאָלט זײַן פֿאַרשטענדלעך ווער איך בין...

איצט וועט איר מיר גלייבן, ווײַל אַזאַ געשיכטע טראַכט מען ניט אויס פֿון קאָפּ. איך האָב, דאַכט זיך, גאָרניט ניט דורכגעלאָזט, אַ?... וועגן זרח פּינסקי און וועגן זײַן מיידל האָב איך אײַך דערציילט?... יאָ, איך האָב אײַך דערציילט...

דאָס איז אַלץ, אַלץ, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט ביז יענער צײַט, ביז איך האָב דערפֿילט, אַז איך וועל „אים" הרגענען. איר פֿאַרשטייט? פֿון צווישן אַזוי פֿיל ייִדן דווקא איך, מיט וועמען עס האָט פּאַסירט די גאַנצע געשיכטע. טראַכט זיך אײַן: ווער דען, אַז ניט איך?

אין טונקלקייט פֿון צימער האָבן זיך געזען די ווײַסע צוויי פֿלעקן, וואָס אין די ווינקלען פֿון זײַנע ליפּן, — ווײַסע פֿלעקן, וואָס קומען פֿון פֿיל רעדן. ער האָט אַוועקגעשטעלט די גלאָז.

מיר זײַנען שוין ווידער געזעסן איינער אַקעגן אַנדערן אין ווינקל פֿון צימער. איך האָב אים געשטעלט אַ פֿראַגע, האָבן די צוויי יאָרצײַט־ליכטלעך אין זײַנע אויגן אָנגעהויבן פֿיל מאָל זיך אויסלעשן און זיך צוריק אָנצינדן, ווי פֿײַערלעך, מיט וועלכע מען גיט סיגנאַלן בײַ נאַכט אין מיטן ים. ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו ריידן:

*

— פֿאַר וואָס פֿרעגט איר עפּעס: ו ו ע ן איך האָב באַשלאָסן „אים" צו הרגענען? וואָס איז דען דער אונטערשייד „ווען"? און חוץ דעם, אַזעלכע זאַכן באַשליסט מען דען? אַז צו סאַמע ערשטן האָב איך גאָר באַשלאָסן וועגן דעם „אָרט"... איך דערמאָן זיך. איך גיי איין מאָל אַרויס פֿון מײַן צימער אין קאָרידאָר אין דערזע: ער שטייט דאָרט און רעדט אין טעלעפֿאָן. קענטיק, מען זאָגט אים אָן אַ שלעכטע בשורה. האַלטנדיק דאָס רערל פֿון טעלעפֿאָן בײַם אויער, באַקומט ער גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן, דער רציחהדיקער גיפֿט ברענט אין זיי שטאַר־קער. ער פֿרעגט: „וואַ—אַס"? און דער „וואָס" איז אַן אויסגעצויגענער, אַ דער־שראָקענער. שטיי איך בײַ דער זײַט, און אין מיר טוט עמעצער ווי אַ טראַכט: אָט דאָ בײַם טעלעפֿאָן איז דאָס בעסטע „אָרט", אָט דאָ קען מען אים אַוועקלייגן מיט איין שאָס. איר פֿאַרשטייט? ניט איך אַליין גיב עס אַ טראַכט, נאָר ווי עמעצער אַ צווייטער.

אמת, אין איינע פֿון די שחיטות, אין וועלכע בלויז „ער" איז שולדיק, איז געהרגעט געוואָרן מײַן זיידע, דער אַלטישטקער מיטן וואַקסענעם פּנים און מיט די צוויי קאַלטע אייגעלעך, וואָס וואַרפֿן זיך געשווינד אויף רעכטס און אויף לינקס, ווי בײַ אַ מאַלפּע. נאָר דער רחמנות, וואָס איך האָב פֿון שטענדיק אָן אויף מײַן זיידן, איז אויך עפּעס ניט מײַנער, ער איז אויך ווי אַ צווייטנס... איז אָט:

— אָט דאָ בײַם טעלעפֿאָן, — האָב איך אַ טראַכט געגעבן, — קיין בעסער „אָרט" קען גאָר ניט זײַן.

און שוין בײַ אָט דעם געדאַנק אַליין האָב איך דערפֿילט, ווי איך ווער

אָנגעגאָסן מיט פֿרייד. מיר האָט זיך דאַן פּלוצעם פֿאַרוואָלט, עס זאָל זײַן אַ שׂימחה. איך בין אַוועק אין אַ רעסטאָראַן און האָב אָפּגעגעסן אַ מיטאָג כּמעט פֿאַר גאַנצן ביסל געלט, וואָס איך האָב פֿאַרמאָגט — אַ מיטאָג מיט אַ גלאָז ווײַן. איך האָב דערפֿילט: איך טראָג אַרום בײַ זיך אין האַרצן עפּעס אַזוינס, וואָס איך האָב פֿריִער אין האַרצן ניט געהאַט און וואָס קיינער אַרום מיר האָט עס ניט. אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, האָב איך, ווי צום ערשטן מאָל אין לעבן דערזען: עס איז אַ שיינער זומערטאָג. אין גאָס גייען אַרום זייער פֿיל מענטשן, ליבע מענטשן... מײַן געפֿיל צו זיי — אַזאַ, ווי בײַ איינעם, וואָס מוז אַוועקפֿאָרן אין זייער אַ ווײַטן וועג, און אים איז שווער זיך צו שיידן מיט זײַנע אייגענע: ער האָט נאָך ניט באַוויזן אַפֿילו זיך אַרומנעמען מיט זיי, ווי געהעריק, זיי צודריקן צום האַרצן, ווי געהעריק, נאָר אַוועקפֿאָרן מוז ער. און אַזוי זײַנען זיי געווען פֿאַר מיר אַלע, אַלע אָן אויסנאַם — ווי שאָטנס. איך האָב זיך נאָך רעכט צו זיי ניט צוגעטוליעט און מוז זיי שוין פֿאַרלאָזן.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך אַזוי אַרומגעשפּאַנט מיט דעם געפֿיל אין האַרצן, און נאָך דעם, אַז איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים, איז שוין געווען פֿאַר נאַכט. אונדזערע ביידנס טירן האָבן שוין דאָרט געקוקט מאָדנע שטרענג איינע אויף דער אַנדערער. איך זאָג אײַך, אַזוי אָנקוקן זיך קענען נאָר טירן פֿון אַ פּאַנסיאָן, וווּ „יענע זאַך" מוז געשען. טיר נומער 3 האָט געקוקט אויף טיר נומער 5 און האָט ווי צו וויסן געגעבן:

— מײַנער, וואָס וווינט הינטער מיר, וועט הרגענען דײַנעם, יענעם, וואָס וווינט הינטער דיר.

איז אײַך אַ מאָל אויסגעקומען צו זען אַזעלכע טירן? איר שלאָפֿט אַ גאַנצע נאַכט בײַ זיך אין צימער. איר שלאָפֿט, דאַכט זיך, גאַנץ פֿעסט, נאָר אין שלאָף געדענקט איר זייערע נומערן — נומער 3 קוקט אויף נומער 5...

און נאָך דעם האָב איך זיך פּלוצעם אויפֿגעכאַפּט גאַנץ פֿרי בײַ זונאויפֿגאַנג. איך האָב געגעבן אַ קוק אין קאָרידאָר און האָב דערזען: אונדזערע ביידנס שיך זײַנען דאָרט אַרויסגעשטעלט צום פּוצן: מײַנע — לעבן מײַן טיר, און זײַנע — לעבן זײַן טיר. מײַנע — אָפּגעטראָטענע ייִדישע שטיבלעטלעך מיט פֿונאַנדער־געצויגענע רעזינעס, — זיי זײַנען שוין געווען אין פּאַלעסטינע, און זײַנע — פּעסטע גוייִשע, מיט כאָליאַווקעס, וואָס ווערן אונטערגעלאָזט אונטער די הויזן.

— ער איז דאָ אין דער היים, — האָב איך אַ טראַכט געגעבן.

און מיר איז פֿון דעם געוואָרן היימלעך, גלײַך איך בין מער ניט איינזאַם. איך האָב אַ קוק געגעבן צום „אָרט" לעבן טעלעפֿאָן, — דאָס בעסטע „אָרט"...

און מיר האָט זיך ווידער פֿאַרוואָלט, עס זאָל זײַן אַרום מיר אַ שׂימחה. איך האָב בײַ מיר אין צימער געעפֿנט דאָס פֿענצטער אין גאַס אַרײַן.

עס איז בײַ זונאויפֿגאַנג.

לערע גאַסן.

איינציקע פֿאַרשלאָפֿענע און פֿריש געוואַשענע פּנימער.

אַרבעטער גייען איינציקווײַז צו דער אַרבעט.

— „פּיטש, פּיטש" — איז צו מיר אין צימער אַרײַן אַ צוויטשען פֿון אַ פֿייגעלע אויף אַ נאָענטן בוים, אַ צווישטשערײַ, וואָס געדענקט זיך מער פֿון אַלע אַנדערע אין לעבן; און אויך צו אָט דעם „פּיטש, פּיטש" האָב איך געהאַט דאָס זעלבע געפֿיל, וואָס נעכטן צו די מענטשן, באַגלײַך איך פֿאַר אַוועק אין אַ ווײַטן וועג, און מיר איז שווער מיט אָט דעם „פּיטש, פּיטש" זיך צו שיידן.

פֿון דעמאָלט אָן האָב איך „אים" דאָרט אין פּאַנסיאָן אָנגעהויבן צו היטן.

מיר איז געווען גוט, ווען איך האָב געוווסט, אַז „ער" געפֿינט זיך דאָרט אין צימער קעגן איבער הינטער טיר נומער 5, און מיר האָט אָנגעהויבן צו ווערן פּוסט אַלע מאָל, ווען „ער" איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, און זײַן צימער איז געשטאַנען ליידיק. די שעהען האָבן זיך דאַן מאָדנע אויסגעצויגן, די מינוטן — אויך.

איך שפּאַן אַרום בײַ זיך אין צימער, אין קאָרידאָר און פֿיל:

נאָך איייניקע מינוטן, אויב ער וועט ניט קומען, וועט מײַן האַרץ פּלאַצן...

— איך מוז אײַך זאָגן:

אין בוך פֿון פּאַנסיאָן איז מיט זײַן אייגענער האַנט אַרײַנגעשריבן זײַן נאָמען. אונטער זײַן נאָמען — אַ דריידל פֿון אַ מענטשן, וואָס איז מיט זיך צופֿרידן. ער קומט אָן פֿון קאָפּענהאַגען. הייסט עס, — אַ טויטע שטאָט, קאָפּענהאַגען. ייִדן זײַנען דאָרט באַשעפֿטיקט יעדערער מיט זײַן אייגן שטיקל לעבן. קיינער האָט „אים" אַפֿילו ניט נאָכגעשפּירט.

איך קוק אויפֿן דריידל, וואָס אונטער זײַן נאָמען, און מיך פֿאַרדריסט זײַן רויִקייט. „ער" טראַכט אַפֿילו ניט זיך צו היטן. מיר זײַנען פֿאַר אים, ווי די וואַנצן — איך, איר, אַלע, וועמען ער האָט געשאָכטן.

אָפֿט מאָל קומען צו „אים" געסט.

עס קומט צו אים דער יונגער רוס, וועלכער האָט „אים" צום ערשטן מאָל אין פּאַנסיאָן געבראַכט. עס קומט נאָך איינער, אַן עלטערער, מיט אַ באָרד, און נאָך איינע, אַ יונגע פֿרוי אין שוואַרצן.

פֿון קעגן איבער זײַן טיר הערט זיך דעמאָלט:

ער הירזשעט מיט אַ פֿריילעכן און זאַפֿטיקן געלעכטער.

און נאָך דעם, שפּעט בײַ נאַכט, אַז איך שלאָף ניט, ווילט זיך מיר שטאַרק

אַרויסגיין אין קאָרידאָר אַרײַן מיט אַ מעסער און עפּעס טאָן... מאַכן כאַטש אַ לאָך אין זײַנע אַרויסגעשטעלטע שטיוול. גלאַט אַזוי, זאָל ער וויסן, אַז עמעצער „דרייט זיך" אַרום אים. זאָל ניט פֿאַרדריסן, וואָס ער איז רויִק...

איך טו עס ניט — בלויז ווײַל איך קען מיט דעם אומברענגען די גאַנצע זאַך, און ווײַל אונדז ביידן היט שוין אָפּ דאָס „אָרט" אין קאָרידאָר בײַם טעלעפֿאָן — דאָס „אָרט" איז שוין אויף אונדז ביידן בעל־הבית.

צום טעלעפֿאָן גייט ער אַרויס עטלעכע מאָל אין טאָג, און איך ווייס שוין באַשטימט:

— פֿאַרקומען וועט דאָרט די „זאַך" פֿאַר נאַכט, יעדנפֿאַלס ניט פֿריִער, ווי נאָך האַלבן טאָג.

כאָטש אויך וועגן דעם האָב איך פֿריִער ניט געטראַכט. עס איז געקומען באַשטימט, ווי פֿון זיך, ווי גלײַך עמעצער האָט מיר געלאָזט אַן אַרבעט און האָט מיר אָנגעזאָגט:

— אויספֿירן זאָלסטו עס דעמאָלט און דעמאָלט, דאָרט און דאָרט.

און טאַקע דערפֿאַר האָב איך זיך פֿאַר קיין זאַך ניט געזאָרגט, ווי גלײַך עמעצער האָט מיר פֿון פֿריִער אַלץ אָנגעגרייט. איך דאַרף נאָר נעמען און אויספֿילן. און ערשט נאָך דעם האָב איך זיך איין מאָל בײַ נאַכט דערמאָנט:

— איך האָב ניט מיט וואָס די „זאַך" צו טאָן.

איר פֿאַרשטייט, צי ניין? אַ מעסער טויג ניט. מיט אַ מעסער קען מען אָפֿט נאָר אַ קראַץ געבן. זיכער איז — אַ רעוואָלווער. איך בין אַ געוועזענער סאָלדאַט. איך האָב כּוח און קען שיסן, נאָר איך בין אין אָט דער קעסלדיקער שטאָט אַ פֿרעמדער, איך האָב ניט בײַ וועמען אַ רעוואָלווער צו קריגן. און חוץ דעם האָב איך שוין זייער ווייניק געלט, בלויז אויף עטלעכע טעג צום לעבן. דאָס געלט וועט ניט קלעקן, נאָר אַפֿילו ווען איך האָב יאָ געלט, איז וווהין גיין קויפֿן? אין אַ געווער־געשעפֿט? עס טויג ניט, אויף אַזעלכע פֿאַרשוינען מיט אַזאַ אויסזען, ווי איך — קוקט זיך אײַן אין מיר — אויף אַזעלכע דערקענט מען באַלד, אַז ער קויפֿט דעם רעוואָלווער פֿאַר די לעצטע גראָשנס און אַז עפּעס וויל ער מיט אים טאָן. זאָל זײַן, אַז אין די געשעפֿטן פֿאַרקויפֿט מען געווער פֿרײַ, אָן אַ דערלויבעניש, איך גלייב עס ניט, נאָר אין אַזאַ סאָרט קעסלדיקער שטאָט הערט די פּאָליציי געוויס קיין מאָל ניט אויף צו זוכן פֿאַרשיידענע חבֿרה־לײַט, וואָס גרייטן זיך עפּעס אָפּטאָן, און אויב מען זוכט זיי ערגעץ, איז אַ געשעפֿט פֿון געווער תּמיד דערויף אַ פּלאַץ. טאָמער שטעלט מען מיך דאָרט אָפּ. מען וועט בײַ מיר געפֿינען, נאָר אַ טאַראַראַם וועט ווערן. מײַנע פּאַפּירן זײַנען פֿאַר דער היגער פּאָליציי ניט גאָר אין אָרדענונג.

מען קען נאָך דעם קומען אין פּאַנסיאָן זיך אויף מיר נאָכפֿרעגן.
„יענער" קען זיך דערוויסן און פֿאַרשווינדן.
איך קען מיט דעם אומברענגען די גאַנצע „זאַך".
סאַראַ שלימזל איך בין!

איך מוז געפֿינען אַן אויסגאַנג און עפּעס טאָן, נאָר טראַכטן איז מיר שוין שווער. איר פֿאַרשטייט? טראַכטן האָב איך געטראַכט פֿריִער, אײדער איך האָב זיך אָנגעהויבן צו גרייטן די „זאַך" צו טאָן. איצט בין איך ווי אַ שיכּור, וואָס שטרענגט אָן אַלע מיטלען, אַז אויף אים זאָל מען ניט דערקענען, אַז ער איז אַ שיכּור. אַזאַ מענטשן דאַכט זיך אויס, אַז פֿון יעדער באַוועגונג, וואָס ער מאַכט, קענען די אַרומיקע דערקענען אַלץ, אַלץ...

איז וואָס וואָלט איר געטאָן אויף מײַן אָרט?

אָט שטעלט אײַך פֿאָר — איר זײַט אַ ניכטערער...

איר וואָלט זיך געוויס געווענדט צו עמעצן נאָך הילף. דאַרפֿט איר אָבער וויסן: קיין אייגענע האָב איך ניט דאָ אין שטאָט, קיין נאָענטע — אויך ניט.

פֿון מײַן געבורטשטאָט געפֿינען זיך דאָ אייניקע מענטשן, נאָר איך באַגעגן זיך מיט זיי קיין מאָל ניט. איך ווייס אַפֿילו ניט, וווּ זיי וווינען.

פֿאַראַן דאָ פֿון מײַן שטאָט איינער אַ בחור בערעלע זשום, — אַזוי האָט מען אים גערופֿן בײַ אונדז אין דער היים, כאָטש אין אמתן הייסט ער גאָר באָריס בלום. אַזוי האָט מען אים גערופֿן, ווײַל ער האָט פֿון תּמיד אָן געזשומעט בײַ די ציוניסטן און האָט געשריבן אין זייערע רוסישע צײַטונגען. ער איז אַ פֿעיִקער, קען שפּראַכן, ווערט גלײַך אַ מחותּן מיט ווילדפֿרעמדע מענטשן, אַפֿילו מיט קריסטן.

ער האָט דאָ אין אויסלאַנד זיך שוין צוגעשאַרט צו אַ פּאָר דײַטשישע צײַטונגען און שרײַבט אין זיי, יאָגט זיך אַרום מיט אַ פּאָרטפֿעל אונטערן אָרעם.

פֿאַראַן דאָ פֿון מײַן שטאָט אויך זרח פּינסקי מיט זײַן יונגער מיידל, וועגן וועלכער איך האָב אײַך שוין געזאָגט. זי איז געווען די שענסטע בײַ אונדז אין שטאָט און מיט איר האָט זיך אין איינעם אַ פּאָגראָם געטראָפֿן יענע „באַוווּסטע זאַך"... אַזוי האָט מען געזאָגט, כאָטש פֿון די פּינסקיס אַליין האָט דאָס קיינער ניט געהערט.

בײַ די פּינסקיס, האָט מען געזאָגט, גייט זיך פֿונאַנדער יעדער געשווילעכץ, די פּינסקיסווישן אָפּ די ליפּן.

מיר האָט מען געזאָגט, זיי זײַנען אַרויס גאַנץ. בריהס... אַפֿילו אין צײַטן פֿון פּאָגראָמען...

די פּינסקיס געפֿינען זיך דאָ אין אויסלאַנד — דאָס האָב איך געוווּסט נאָך אײדער איך בין אַוועק פֿון פּאַלעסטינע. נאָר צו זיי זיך ווענדן — דאָס וויל איך

ניט. איך וויל אַפֿילו ניט זיי זאָלן וויסן, אַז איך געפֿין זיך דאָ. איר פֿאַרשטייט? דאָס גייט מיך אָן מער ווי אַלץ. עס איז מײַנע אַ סוד־זאַך.

איך גיי אַלע טאָג אַוועק אין גרויסן שטאָטגאָרטן. איך זיץ אויף אַ באַנק. איך טראַכט וועגן אַן עצה.

און אין דער צײַט, ווען איך זיץ אַזוי און טראַכט, בין איך צופֿרידן, וואָס די פּינסקיס ווייסן וועגן דעם גאָרניט. זיי וועלן זיך דערוויסן שפּעטער, נאָך דעם, ווי איך וועל די זאַך אָפּטאָן. זיי וועלן פֿון דעם געוואָר ווערן פֿאַר נאַכט פֿון די אָוונט־צײַטונגען. עס וועט דאַן זײַן וואָלקנדיק. עס וועט דאַן גיין אַ רעגן. צי אפֿשר וועט דאַן זײַן אַ לויטערער הימל, עס וועט זיך זעצן די זון. אַלץ איינס: סײַ ווי סײַ זעט מיר אויס מאָדנע יעדע רגע פֿון מײַן לעבן, וואָס וועט קומען שפּעטער, נאָך דעם, ווי איך וועל די „זאַך" אָפּטאָן. אַלע מענטשן, סײַ פֿרעמדע, סײַ יענע, וואָס שטאַמען פֿון מײַן שטאָט, דאַכטן זיך מיר אַלץ איינס נאָענט און אַלץ איינס ווײַט. אַלע זײַנען זיי פֿאַר מיר אויסגעמישט מיט די פֿאַרנאַכטיקע קלאַנגען פֿון אַ ווײַטן קלויסטער, וואָס דערגרייכן צו מיר אין גרויסן שטאָטגאָרטן נאָך דעם, ווי איך זיץ דאָרט אָפּ איינער אַליין אויף אַ באַנק אַ לאַנגן, לאַנגן טאָג און גערענק אָן אויפֿהער, אַז איך גיי טאָן אָט די „זאַך".

וואָס איז דען דענסטמאָל פֿאַר מיר אָט דער גאַנצער אויסלענדישער קעסל אײַערער מיט זײַנע טאַראַראַמען און מיט אַלע לויפֿנדיקע, וואָס פֿילן אים אָן? וואָס זײַנען זיי דען פֿאַר מיר, אויב אַפֿילו צווישן זיי געפֿינט זיך דעמאָלט זי — פּינסקיס מיידל — איינע פֿון די יעניקע, איבער וועלכע איך גיי טאָן די דאָזיקע „זאַך"?

— האַלט איך בײַ יענע טעג, ווען איך פֿלעג זיצן אין שטאָטגאָרטן.

איך קען אײַך ניט זאָגן, ווי לאַנג עס האָט זיך געצויגן. מעגלעך — אַ גאַנצע וואָך און מער, מעגלעך — נאָר דרײַ צי פֿינף טעג. אַז קיין וואָכן צייל איך שוין ניט, קיין טעג — אויך ניט. איך האָב אויפֿגעהערט...

נאָר איין מאָל, ווען איך בין דאָרט אַזוי ניט ווײַט פֿון אַ באַלעבעטער אַליי געזעסן, איז פֿאַרבײַגעגאַנגען בערעלע זשום, אָדער, ווי זײַן ריכטיקער נאָמען איז — באָריס בלום. דורכגעגאַנגען, ווייסט איר, געשווינד מיטן פּאָרטפֿעלכל אונטערן האַנט, מיט אַ פֿאַרשוויצט טשובעקל פֿון אַ מענטשן, וואָס האָט יעדן טאָג צו לויפֿן איבער אָט דער גרויסער קעסלדיקער שטאָט אין פֿיל ערטער. ער האָט זיך אַ דריי געגעבן צו מיר מיט זײַן טונקעלן אָפּגעברענטן פּנים און מיטן ווײַסן טיכעלע, וואָס שטעקט אין זײַן אייבערשטן טאַש, גרייט אָפּצווווישן דעם נאַסן שטערן; ער האָט מיך דערזען מיט די צעטראָגענע אויגן, זיך באַגריסט און גלײַך אַוועקגעזעצט זיך לעבן מיר, גלײַך אָנגעהויבן צו וווּנדערן:

— שוין לאַנג אין בערלין?

— ניין, — האָב איך געזאָגט, — ניט זייער לאַנג.

— און איך האָב געהערט: איר זײַט אין פּאַלעסטינע.

—איך בין געקומען אַהער פֿון פּאַלעסטינע.

— איר זײַט דאָ אויף אַ שטעלע?

— ניין, — האָב איך געזאָגט. — איך בין דאָ ניט אויף קיין שטעלע.

איך קען ניט געדענקען אַלץ, וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט. איך האָב באַמערקט: ער קוקט מיך אַרום צעטראָגענערהייט.

מײַנע קליידער באַקוקט ער און מײַן גאַנצן אויסזען.

מיר איז דאָס געווען ניט אָנגענעם.

און אפֿשר דערפֿאַר טאַקע, וואָס מיר איז געווען ניט אָנגענעם, האָב איך אים אָנגעהויבן דערציילן אַלץ, וואָס איך האָב ביז אַהער דערציילט אײַך, נאָר פֿיל קירצער. ער געדענקט מיך גוט פֿון דער היים. ער האָט געקענט מײַן זיידן און קען מיר גלייבן אויפֿן וואָרט.

איך האָב אים געזאָגט: איצט הענגט די גאַנצע „זאַך" אָפּ בלויז פֿון אים, און אונדזער באַגעגעניש טאָר דעריבער ניט בלײַבן קיין צופֿעליקייט, וואָרום די „זאַך" וואָס איך גיי טאָן, איז ניט נאָר מײַן זאַך. טאַקע ווײַל איך האָב ניט קיין אַנדערן צו וועמען זיך ווענדן, מוז ער אַליין פֿאַר מיר שאַפֿן אַלץ, וואָס צו דער „זאַך" איז נייטיק. און חוץ דעם — ער דרייט זיך שטענדיק צווישן די יידישע געזעלשאַפֿטן. ער טראָגט זיך אַרום מיט די געזעלשאַפֿטן און די געזעלשאַפֿטן טראָגן זיך אַרום מיט אים. ער איז דעריבער פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿיל מער איידער אַ שפּעקולאַנט, אָדער אַ פּשוטער ייִד פֿון גאַס. צו וועמען דען זאָל איך זיך ווענדן, אויב ניט צו אים?

איך האָב געזען:

כאָטש ער איז שטאַרק באַשעפֿטיקט און כאָטש ער איז אַ צעטראָגענער, הערט ער מיך פֿון דעסט וועגן אויס, און ניט קאַלט — מיט מיטגעפֿיל אין די גרויסע צעטראָגענע אויגן.

— הערט אַ מעשׂה! — האָט ער געזאָגט — עס איז דאָך טאַקע... בײַ אונדז אין פּאַלעסטינע, אַז אַן אַראַבער הרגעט אַ ייִדן, געפֿינט מען אין אַ פּאָר שעה אַרום אַ געהרגעטן אַראַבער, און דאָ, צווישן אַזוי פֿיל ייִדן, דרייען זיך אַרום פֿראַנק־און־פֿרײַ אַ צאָל פּאָגראָמשטשיקעס, און עס געפֿינט זיך ניט קיינער, ווער עס זאָל אַוועקלייגן כאָטש איינעם פֿון זיי. אַ מאָדנע פֿאָלק! אַ? אַ מאָדנע פֿאָלק!

און ער האָט צעטראָגענערהייט ווידער גענומען מיך אַרומקוקן. געקוקט אויף מײַן פּנים, אויף מײַן אויסזען, אַפֿילו אויף די שיך און הוט, וואָס איך טראָג.

— הערט אַ מעשׂה! — האָט ער געזאָגט, — הערט אַ מעשׂה! אַוודאי טויג

ניט צו אַזאַ „זאַך" קיין מעסער. מיט אַ מעסער האָט אַ מאָל אַ ייִדישער סטודענט ניט מער ווי אַ קראַץ געגעבן אַ ייִדישן צורר. געוויס מוזט איר דערצו האָבן אַ רעוואָלווער. שאַט... איר זײַט דאָך געווען אויף דער מלחמה... איר קענט דאָך שיסן... וואַרט נאָר... וואַרט נאָר...

און ער האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן אונטערן מויל און האָט זיך פֿאַרטראַכט.

— גוט, — האָט ער זיך פּלוצעם אויפֿגעכאַפּט פֿון דער באַנק און האָט מיר אויסגעשטרעקט די האַנט, — איך וועל עס שוין באַזאָרגן. איך שאַף עס אײַך. אָבער וואַרט נאָר, וואַרט, ווען?... מאָרגן. גיט מיר אײַער אַדרעס... איר וועט מאָרגן אין דער פֿרי באַקומען פֿון מיר אַ צעטעלע... אַ?... ניין, מיר וועלן זיך בעסער ערגעץ באַגעגענען... ווו?... דאָס בעסטע איז טאַקע אָט דאָ אין גאָרטן, בײַ אָט דער אָ באַנק. איז, הייסט עס, מאָרגן אין דער צײַט, פּונקט דרײַ אַ זייגער בײַ טאָג...

ער איז אַוועק געשווינד מיט זײַן פּאָרטפֿעלכל אונטער דער האַנט. איך האָב געזען: ער גייט אָפּ אַ ווײַלע און קוקט זיך אויף מיר אום. ער גייט ווידער אָפּ אַ ווײַלע און קוקט זיך ווידער צו מיר אום. אָט אַזוי איז דאָס געווען...

אויף מאָרגן פּונקט דרײַ אַ זייגער בײַ טאָג, צו דער מינוט, בין איך שוין געזעסן אין גאָרטן פּונקט אויף יענער באַנק. איך האָב דאָרט אָפּגעוואַרט אויף אים זייער לאַנג, איך בין שוין גלאַט אַזוי געזעסן און האָב געוואַרט. איך בין שוין געווען זיכער:

— ער וועט ניט קומען.

און בין נאָך אַלץ געזעסן.

נאָר אַרום פֿינף אַ זייגער האָט ער זיך פּלוצעם דאָך באַוויזן אויף דער אַליי. ער איז צו מײַן באַנק ניט צוגעגאַנגען.

— קומט, — האָט ער פֿאַרבײַגייענדיק אַ ווונק געטאָן צו מיר מיט די אויגן, — גייט מיר נאָך.

און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזן:

ער — פֿריִער, און איך מיט עטלעכע קלאַפֿטער הינטער אים, ווי גלײַך מיר קענען זיך ניט.

ער איז אַרײַן אין אַ טראַמווײַ, בין איך אויך אַרײַן, און אַלץ ווי אַ פֿרעמדער.

ער איז געזעסן אין איין עק, און איך — אינעם צווייטן.

מיר זײַנען אַזוי געפֿאָרן זייער לאַנג, און אפֿשר האָט זיך עס מיר נאָר אויסגעוויזן לאַנג, ווײַל איך בין געווען אומגעדולדיק.

איך האָב געטראַכט:

וווהין פֿירט ער מיך?

מיר זײַנען שוין געווען אין צענטער צווישן גערדיכטע גאַסן.

מיר זײַנען געפֿאָרן ווײַטער — ווידער גערדיכטע גאַסן.

מיר האָבן אויסגעשטײַגט, ער — פֿריִער, איך — נאָך אים. ווידער אַ פֿרעמדע גאַס, אַ שמאָל געסל און נאָך אַ מאָל אַ גאַס. מיר האָבן זיך אַרײַנגעשלײַכט אין אַ הויף, זיך אויפֿגעהויבן אויף טרעפּ. מיר זײַנען אַרײַן אין אַ טיר — אַ קליינער טונקעלער און שטויביקער קאָרידאָר.

איך האָב באַלד באַמערקט:

עס איז ניט קיין וווינונג, עס זעט אויס, ווי אַ מין האַנדלס־ביוראָ, וווּ מען אַרבעט ניט שפּעטער ווי ביז אַ זייגער דרײַ בײַ טאָג, און נאָך דעם לאָזט מען זי פֿאַרשלאָסן און פּוסט.

אין צווייטן צי אין דריטן צימערל נאָכן קאָרידאָר זײַנען אַרום אַ טיש געזעסן אַ מענטשן פֿינף, און אין זייער זיצן האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז זיי האָבן זיך דאָ פֿאַרזאַמלט ספּעציעל צוליב דער „זאַך״, וואָס איך גיי טאָן. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז זיי זײַנען געזעלשאַפֿטלעכע טוער און אַז בערעלע זשום האָט זיי אַהערגערופֿן, ווײַל ער וויל ניט נעמען דאָס אַחריות אויף זיך אַליין. אַלע זײַנען זיי געווען שוין ניט קיין יונגע לײַט, איינער מיט גרויע האָר, אַ צווייטער — וווקסיקער, אַ פּעטלעכער, מיט אַ פּליך אויפֿן גאַנצן קאָפּ, מיט אַ שטרענגן בליק אין די אויסגעקוליעטע שאַרפֿע אויגן, מיט אַ שאַרף אַרויסגערוקטן אונטערמויל און מיט אַן אויסזען פֿון אַ מענטשן, וואָס בלאָזט שטענדיק די באַקן. מאָלט אײַך: איך בין געווען גענוג צעטראָגן, נאָר מיר איז פּלוצעם אַרויף אַ געדאַנק, אַז אין דער היים קריגט ער זיך מיטן ווײַב, אַט דער, וואָס מיטן פּליך אויפֿן קאָפּ. איך ווייס אַליין ניט פֿאַר וואָס, נאָר מיר איז דענסטמאָל אַרויף אַזאַ געדאַנק, ער האָט אָן אויפֿהער געקוקט אויף מיר.

און קיינער האָט מיר גאָרנישט ניט געזאָגט.

אַ ווײַלע זײַנען מיר אַזוי געזעסן אַרום טיש און האָבן געשוויגן. איך האָב געוואַרט:

אָט, אָט וועט מען מיט מיר אָנהייבן ריידן.

נאָר אויפֿן אָרט פֿון צו ריידן מיט מיר האָבן זיי אָנגעהויבן אָפּצורופֿן איינער דעם צווייטן אויף סודות אין נאָענטן צימער אַרײַן. פֿון אָנהייב אָן האָבן זיי זיך געסודעט דאָרט פּאָרלעכווײַז, און נאָך דעם צו דרײַ און צו פֿיר, און אַלע צוזאַמען מיט בערעלע זשום. זיי האָבן זיך אַלע ווײַלע אומגעקערט און אַלע רגע ווידער גערופֿן איינער דעם צווייטן אויף אַ סוד...

איך האָב באַמערקט:

די ווערן מיר עפּעס ווייניקער, זיי גייען איינציקווײַז אַוועק.

איך האָב געהערט:

זיי גייען איינציקווײַז אַרויס אין קאָרידאָר און לויפֿן דאָרט זייער געשווינד אַראָפּ פֿון די טרעפּ.

נאָר פֿאַר וואָס איז דווקא איינער פֿון די ערשטע פֿאַרשווונדן בערעלע זשום? — דאָס האָב איך פֿאַרשטיין ניט געקענט...

און אַז אַלע זײַנען שוין אַוועק, איז מיט מיר אין צימער געבליבן נאָר דער וווקסיקער, דער פּעטלעכער, וואָס מיטן פּליך אויפֿן גאַנצן קאָפּ און מיט די שטרענגע אויסגעקוליעטע אויגן.

איך האָב באַמערקט:

ער רוקט זיך צו צו מיר אַלץ נענטער און נענטער, ער קוקט מיר אַרײַן מיט זײַנע שאַרפֿע אויגן גלײַך אין פּנים און אַלץ אַזוי שטרענג, אַז איך פֿיל שוין זײַן אויסגעקוליעטן בליק בײַ זיך אין די אויגן, בײַ זיך אין האַרצן, נאָר ער רוקט זיך אַלץ נענטער און נענטער צו מיר און אַז ער רירט זיך שוין אָן אָן מיר מיט זײַן ברוסט, טוט ער פּלוצעם צו מיר אַ זאָג:

— הערט, — זאָגט ער צו מיר, — איך בין אַ דאָקטער... אַ פּסיכיאַטאָר...

ער קוקט מיר נאָך שטרענגער אַרײַן אין די אויגן און גיט צו מיט מער עזות:

— אַ דאָקטער בין איך... אַ פּסיכיאַטאָר...

וואָס האָב איך אים געהאַט צו ענטפֿערן?... איך האָב זיך אָפּגערוקט פֿון אים מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרץ, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ צו מיר גערעדט.

דערנאָך האָט מיך עפּעס ווי אַ שטויס געגעבן צו אים, און ניט אַזוי מיך אַליין האָט צו אים אַ שטויס געגעבן, ווי מײַן האַנט... אָט אָ די... איר זעט אַ האַנט? — מיט מוסקולן... זי איז געווען אין דער מלחמה... און ערשט שפּעטער, אַז איך בין שוין ווידער געווען איינער אַליין אין גאַס, האָב איך דערפֿילט, אַז עס האָט מיר גאָרנישט ניט געהאָלפֿן, — איך מיין אָט דאָס, וואָס איך האָב אים דאָרט מיט אַזאַ כּעס געגעבן אין באַק... ווײַל סײַ ווי סײַ, אויב זיי מיינען, אַז איך בין געריַרט פֿון זינען, וועלן זיי איבערן פּאַטש נאָך מער מיינען... און חוץ דעם... אַז מײַן ווייטיק ווערט דערפֿון ניט קלענער.

בערעלע זשום האָט אָנגעפּלאָנטערט אָט וואָס:

עטלעכע געזונטע בייכיקע יידן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן — צוליב וואָס? פֿון נײַגעריקייט וועגן? כּדי צו געבן אויף מיר אַ קוק? צווישן זיי איז געווען בערעלע זשום, וועלכער האָט מיר, ערשט נעכטן געזאָגט:

הערט אַ מעשׂה?... עס איז דאָך טאַקע... בײַ אונדז אין פּאַלעסטינע, אַז אַן אַראַבער הרגעט אַ יידן, הרגעט מען באַלד אַן אַראַבער, עס מעג זײַן אַ ווילד פֿרעמדער.

פֿאַר וואָס זשע מוז איך זײַן געדירט, אויב איך וועל הרגענען אַ פּאָגראָמש־טשיק, וועלכער איז שולדיק אין אַזוי פֿיל בלוט?

גייענדיק אַזוי איינער אַליין, האָב איך זיך אַקאָרשט אָנגעהויבן פֿונאַנדער־צוקלײַבן אין די ווערטער, וואָס דער וווּקסיקער מיטן פֿליק אויפֿן קאָפּ האָט מיר געזאָגט, ווען ער איז צו מיר צוגעגאַנגען זייער נאָענט.

עפּעס האָט ער צו מיר גערעדט וועגן אַ סאַנאַטאָריע, ווו איך וואָלט געקענט „אָפּרוען" איניקע וואָכן... וועגן פֿאַרמעגלעכע לײַט פֿון מײַן שטאָט, וואָס געפֿינען זיך איצט דאָ און האָבן אַרויסגעזאָגט דעם ווונטש פֿאַר מיר אין סאַנאַטאָריע צו באַצאָלן...

איז ווער זײַנען אָט די פֿאַרמעגלעכע לײַט פֿון מײַן שטאָט, אויב ניט זרח פּינסקי מיט זײַן פֿאַמיליע?... הייסט עס, אַז בערעלע זשום האָט שוין אויך צו זיי די זאַך אָפּגעטראָגן, אויך זיי רעכענען מיך שוין פֿאַר אַזעלכן... און מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ צער, ווי נאָך קיין מאָל ניט.

מיר האָט וויי געטאָן אַלץ, וואָס אַרום מיר, אַלץ, וואָס מײַנע אויגן האָבן מיטן וועג געזען: די שטאָט, די גאַס, די אויטאָמאָבילן, דער אַרומיקער גערויש און איבערהויפּט די שעה האָט מיר וויי געטאָן... די פֿאַרנאַכטיקע זיבן־אַזייגער־דיקע שעה. אין דער דאָזיקער שעה שטייט „ער" דאָרט אַלע טאָג אין קאָרידאָר בײַם טעלעפֿאָן...

איך בין דאָך די גאַנצע פֿרײַערדיקע נאַכט אַרומגעגאַנגען בײַ זיך אין צימער און בין געווען זיכער, אַז פּונקט הײַנט, אין דער דאָזיקער שעה, וועל איך דאָרט בײַם טעלעפֿאָן מאַכן אַן ענדע...

וואָס איז מיר געבליבן צו טאָן?

און איך האָב נאָך שטאַרקער דערפֿילט, ווי איך מוז די „זאַך" אָפּטאָן, און מען זאָל וועגן דעם לייענען אין די אָוונט־צײַטונגען. זאָלן וועגן דעם לייענען זיי אַלע, די פֿינף געזעלשאַפֿטלעכע בחורים, בערעלע זשום, און בײַ פּינסקין אין דער היים — זאָל וועגן דעם לייענען זי... איינע פֿון יעניקע, פֿאַר וועמען איך גיי טאָן די גאַנצע „זאַך"...

איך האָב מיר אָנגעהויבן איבערלייגן: צי איז ניט פֿאַראַן דאָ קיין ייִדישע געזעלשאַפֿט, אַזעלכע, וואָס וואָלט מיר געהאָלפֿן, איך האָב אַ טראַכט געגעבן: איז פֿאָרט, כאָטש עמעצער — אפֿשר אַ שרײַבער?

שרײַבער, האָב איך געטראַכט, זײַנען ווי דער געוויסן פֿון פֿאָלק. זיי זײַנען זײַנע נערוון, זיי שטעלן פֿאָר זייער פֿאָלק פֿאַר דער וועלט, פֿון די ווערק פֿון שרײַבער וויל מען נאָך דעם וויסן, ווי אַזוי האָט אין זייערע צײַטן געלעבט זייער פֿאָלק.

און אָט בין איך געקומען צו אײַך. איך האָב אײַך אַלץ אויסדערציילט. איר

די טאָפּעלטע

זאָג איך עס
אָריגינעל

אָפּגעריסענע טיילן פֿון גוף רעפּרעזענטירן מעטאָנימיש זײַן פּסיכישע צעשטערונג.
די נערוועזקייט און אומגערעכטיקייט פֿון זײַן רעדן.
צוגעשטעמפּלטע ערטער ← אומבאַהאָלפֿנקייט.

דאַרפֿט וויסן — מאָרגן, איבערמאָרגן קען „ער" זיך פּלוצעם אויפֿהייבן און פֿאַר־שווינדן פֿון פּאַנסיאָן. און ווי באַלד איך האָב אײַך אַלץ אויסדערציילט, זענט איר שוין פֿאַראַנטוואָרטלעך צוגלײַך מיט מיר און נאָך מער פֿון מיר, ווײַל איר זײַט אַ שרײַבער... איך זיץ מיט אײַך דאָ, אין טונקעלן צימער, און האָב שוין אײַך לאַנג געוואָלט זאָגן: מאַכט, איך בעט אײַך, בײַ אײַך אין צימער ליכט. איך וויל אײַך טאַקע זען אין פּנים...

*

ווי אין אַן אינעווייניקסטן טשאַד בין איך אויפֿגעשטאַנען ליכט מאַכן. איך האָב עס געטאָן מיט אַזאַ צושטאַנד, גלײַך דעם יונגן־מאַנס לעצטע ווערטער זײַנען ניט מער, ווי אַ וויץ, ווי די ווערטער פֿון אַ „טשודאַק", וואָס האָט דיר מאָדנע אײַנפֿאַלן. אָבער איך האָב אין אָט דעם געפֿיל פֿאַרגעסן, ווי נאָר איך האָט געמאַכט ליכט און האָב דערזען דעם יונגן־מאַנס פּנים.

יאָרצײַט

זײַן לינקע קרומע באַק האָט ווי געברענט מיט אַ טונקעלן אײַזערנעם פֿײַער. זײַן רעכטע באַק איז געווען פֿאַרשלאָפֿן ביזן אויג און האָט מער ווי ניט געשפּילט קיין שום ראָל, זי האָט מער ווי ניט געלעבט, די לינקע ברענענדיקע באַק האָט געוועלטיקט מיט איר גאַנצער קרומקייט. און דער יונגער־מאַן אַליין האָט שוין מער ניט גערעדט אײַנפֿאַך. עס איז אויסגעקומען, ווי ער קריגט זיך מיט מיר, ער פֿאָדערט פֿון מיר דאָס, וואָס אים קומט. און די זאַך, וואָס ער פֿאָדערט, איז אַ קלייניקייט:

— אַ רעוואָלווער.

קוקנדיק אויף מיר מיטן פֿײַער, וואָס אין זײַן לינקן פֿאַרשלאָפֿענעם אויג, האָט ער געטענהט, כמעט געשריגן.

און איך האָב געקוקט אין די פֿײַערן, וואָס אין זײַנע אויגן.

דער יונגער־מאַן אַליין האָט זיך געבעטן:

— פֿאָלגט מיך, אויב איר ווילט מיר אָפּזאָגן, טאָ זאָגט מיר ניט אָפּ באַלד. טוט פֿרײַער אַ טראַכט. איך גיב אײַך צײַט די גאַנצע נאַכט. אויב איר וועט באַ־שליסן, אַז יאָ, וועט איר מיר דעם רעוואָלווער צושיקן. איך לאָז אײַך מײַן אַדרעס. איך וועל וואַרטן.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך פֿון דעם יונגן־מאַן מיט דער קרומער באַק באַקומען דורך דער פּאָסט אַ צעטעלע:

„איך האָב געפֿונען אַן אויסגאַנג. הינטערן שפּיגל, וואָס הענגט בײַ מיר אין צימער נומער 3, אין פּאַנסיאָן, איז פֿאַראַן אַ האַקן. דער שטריק אויף וועלכן דער שפּיגל הענגט, וועט מיר קלעקן... איך האָב פֿאַרשטאַנען די גאַנצע זאַך: איך בין אַן עמיגראַנט... צווישן עמיגראַנטן... איך וויל עס מער ניט..."

מיט דרײַ יאָר שפּעטער (מײַ 1926) וועט פּעטליורע דערשאָסן אין פּאַריז דורך שלום שוואַרצבאַרד.

1. פּאָר ב׳ מיט נומ׳ I — נומ׳ 2 מיטן פּראָגראַמישליך
2. נומ׳ 2 — ״זיצן אין בערלין
3. ״ — דאָס שטעטל

לערנט דאַמאָלט מיט די אַנאַרכיסטן
אָנטשטאַנען בײַם אַ לוקסוסצוג פֿון דער
קלאַנבערגטים וואָס טרײַבט נאָר ווײַטער זיך.
דער פּערלמוטערקאַ, פּאָליטיק, מיט זיך אָנגעצויגן
פֿאַר די בריזערן פֿאָרמען.